יו״ל לאור ע״י - איחוד תלמידי וחסידי טאהש

גליון

# באור החיים

פרשת אמור - תשפ״ה לפ״ק | גליון תתל״א

הגליון בשבוע זו נתנדב על ידי
האדמו״ר מ׳ראדאשיץ שליט״א
לרגל הכנסת בנו הב׳ משה יוסף סג״ל גליקמאן נ״ו לעול התורה והמצות למזל טוב
ובזכות זה יתברך הנדבן החשוב בכל מילי דמיטב, וימלא הקב״ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה

## באור פני מלך

פניני עבודה על פרשת השבוע

המדור הזה נתנדב ע״י הרה״ג ר׳ חיים פסח יונגער שליט״א (מאנסי)
לרגל שמחת אירוסי בתו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי״ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ״ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

### צריכן להמשיך הרשומה דקדושה אל כל היום

**אמור ואמרת.**

פרש״י להזהיר גדולים על הקטנים, ופירוש בזה הרה״ק הרבי ר׳ אלימלך מליזענסק זי״ע, שצריכן להאיר מימים הגדולים דהיינו שבתים וימים טובים, על הימים הקטנים דהיינו ימי החול, וכן כל העבודה אשר האדם עובד את ה׳, צריך להמשיך הקדושה שבה אל אחר כך, כגון כאשר זכה להתפלל בכוונה, צריך להמשיך הרשימו של התפילה על כל היום, להתקשר בכל יום אל כח ההארה שהרגיש בעת התפלה, כי קדושה לא פקעה בכדי (נדרים כט:), וכן כאשר זכה לעסוק בתורה כמה שעות, ימשיך את הרשימו הזה אלאחר כך, ולא כאדם אשר מיד אחר שעוסק בתורה ותפלה, לא ניכר עליו כלל שעסק בתורה ושהתפלל היום, וכאשר מגיע מוצאי שב״ק, לא ניכר כלל על פניו, שנחה עליו הנשמה יתירה.

ובזה אפשר לפרש מה שאמר הכתוב (תהלים מב יא) ׳ברצח בעצמותי חרפוני צוררי באמרם אלי כל היום איה אלוקיך׳, פי׳ כאשר האדם בא להתחנן על נפשו ולהתפלל אל ה׳, ׳חרפוני צוררי׳, המה המקטריגים מחרפים ואומרים לו, וכי עתה באת להתחנן אל ה׳, הלא כל היום לא זכרת את ה׳ אלקיך, וזהו ׳באמרם אלי׳, מה הם אומרים אלי, ׳כל היום אי״ה אלקיך׳, אי״ה אלקיך בכל היום, הלא בכל היום לא היית מקושר אליו, לכן עלינו לעמוד על המשמה, להמשיך כל דבר שבקדושה על כל היום, ולהמשיך כח הקדושה של שבת קודש אל הימים שאחרי כן, ובזה יסתמו פיות המקטריגים, ותתקבל עבודתנו לרצון, אכי״ר.

(עבו״ע פתג״ק אחרי)

### כל השפעות נמשך מיום השב״ק

**והיה שבעת ימים תחת אמו.**

איתא במדרש, משל למלך שנכנס למדינה, וגזר ואמה, כל אכסנאין שיש כאן לא יראו פני עד שיראו פני המטרונא תחילה, כך אמר הקב״ה לא תביאו לפני קרבן עד שתעבור עליו שבת, ולכן אמרה תורה וביום השמיני ימול בשר ערלתו, שאין מילה בלא שבת, הה״ד ומיום השמיני והלאה ירצה, ע״כ.

ראינו מכאן שהאורות של כל המצות שמקיימים בששת ימי המעשה נמשכים ובאים מן יום השבת שלפניהם, כמה דאמרינן ׳תחלה למקראי קודש׳, פירוש ששבת הוא התחלה וראשית לכל הימים טובים ולכל האורות אשר יאירו בשבוע הבא.

(עבו״ע דב״ק זכור)

נתנדב על ידי הרבני החסיד המרומם רודף צדקה וחסד בונה ומקים עולמות של תורה וחסידות
הרב אב״ד קלוזש שליט״א
לעילוי נשמת אביו היקר והחשוב
הרב החסיד ר׳ יהושע שלום בן ר׳ יהודה עזריאל וזו׳ אסתר ז״ל
יארצייט ביום ב׳ אייר הבעל״ט
תהא נשמתו צרורה בצרור החיים אמן

פרנס פעולות האיחוד
לחודש אייר

אשריך וטוב לך! הזכותים אדירים יעמדו לך ולזכותך!
מה טוב חלקך וחבלך בזה ובבא!
בכבוד רב
הנהלת איחוד תלמידי וחסידי טאהש
בשם כלל אנשי שלומינו

# שביבי אש

קורצע טרעפליכע טייטשן מתורתו
של כ"ק מרן רבינו הקדוש זיעועכי"א

**'עץ חיים היא' למחזיקים בה, די תורה הק' איז א 'עצה' אנצוקומען צום דרך 'החיים'.**

(שיח"ק ח"ג תי"ב)

# דער הייליגער רבי זאגט

ילקוט אמרים מכ"ק רביה"ק זי"ע מלוקט מספרי דבי רב - באידיש

המדור הזה נתנדב ע"י מו"ה **ישעי' נפתלי נטע מאירוביץ** הי"ו (בלומינגבערג)
לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## אז מען היט די מחשבה דיבור ומעשה בטהרה, קען מען מקיים זיין די תורה ומצות מיט אן התלהבות ואש קודש

וידבר ה' אל משה לאמר אמור אל הכהנים בני אהרן ואמרת אליהם וגו', פרש"י הק', אמור ואמרת להזהיר גדולים על הקטנים.

זענען שוין די מפרשים מדייק פארוואס האט די תורה דאס מזהיר געווען דווקא ביי די מצוה, ביי אלע אנדערע מצות דארפן אויך די גדולים מזהיר זיין די קטנים. אויך דארף מען מבאר זיין די סמיכות הפרשיות פון די פרשה, צו די פרשה פון שבת ומועדי ה' וואס שטייט נאכדעם.

און מען וועט דאס מבאר זיין לויט ווי עס איז ידוע מפי ספרים וסופרים, אז אין די הארת פון א איד איז דא א נקודה פנימיות וואס דאס איז א כח האש וואס ברענט אין זיין הארץ מקיים צו זיין תורה ומצות, און אויב א איד פירט זיך ווי עס דארף צו זיין און ער היט זיין מחשבה דיבור ומעשה בטהרה, ווערט נתגלה די נקודה פנימיות אין זיין הארץ, און עס פלאמט אויף די כח האש וואס ברענט אין אים, און דעמאלטס קען ער מקיים זיין תורה ומצות מיט אן התלהבות ואש קודש, אבער אויב א מענטש באניצט זיך מיט זיין מחשבה דיבור ומעשה לתאוות גופו, דעמאלטס פארלעשט ער די נקודה הפנימיות פון זיין הארץ, און די נקודה וואס דאס איז די כח האש, ווערט א בחינה פון גחלים עוממות און דורך דעם קומט ער צו צו א טמטום הלב, און ער איז מקיים תורה ומצות מיט א קאלטקייט, אן א חיות און התלהבות.

אויף דעם איז מרמז די פסוק, 'ונפש לא יטמא בעמיו', טמא איז א לשון פון טמטום, אזוי ווי חז"ל דרש'נען אויפ'ן פסוק ונטמתם בם, אל תקרי ונטמתם אלא ונטמטם, און די פסוק איז מזהיר 'לנפש לא יטמא' אז א מענטש זאל נישט מטמטם זיין זיין נפש, 'בעמיו' דורך דעם וואס די נקודה פנימיות פון זיין הארץ וועט ווערן און א בחינה פון גחלים עוממות, נאר ער זאל זיך פירן אויף אן אופן וואס די נקודה פנימיות פון זיין הארץ זאל לייכטן בהתגלות, און דורך דעם וועט ער מקיים זיין תורה ומצות באש קודש, און מיט דעם וועט מען פארשטיין פארוואס די תורה זאגט דייקא ביי די מצוה 'אמור ואמרת', להזהיר גדולים על הקטנים, ווייל אין די הארץ פון די קטנים ברענט מער די נקודה פנימיות, וויבאלד זיי זענען נאכנישט אזוי שטארק נתגדל געווארן מיט די תאוות עוה"ז, און די גדולים דארפן אויפפלאמען די נקודה פנימיות פון די הערצער פון די קטנים, זיי צו אויסלערענען פון קליינווייז אן מקיים צו זיין תורה ומצות מיט אן אש קודש וואס ברענט אין זייער הארץ, און אויפפלאמען זייער הארץ צום אייבערשטן, און דורך דעם וועט זיין בכוחם צו ממשיך זיין אויף דעם וועג ווען זיי ווערן גרויס.

און דאס איז די ענין וואס די פסוק איז מסמיך פרשת שבת ומועדי ה' תיכף נאך די פרשה, ווייל צוליב די תכלית איז געגעבן געווארן די שבתים ומועדי ה', כדי צו אויפפלאמען די פייער וואס ברענט אין די הארץ פון א איד, ווייל אפילו אויב א גאנצע וואך איז די הארץ פון א איד פארשטאפט, אבער ווען עס קומט שבת אדער יום טוב, ווערט די פנימיות הנפש נתגלה, און אינעם כח פונעם התגלות הנפש אין שבת ויום טוב, קען א מענטש מגלה זיין די נקודה פנימיות, אויך אויף א גאנצע יאר, ווייל שבת לאזט איבער א רושם אויף א גאנצע וואך און די שלש רגלים לייכטן ארויף אויף א גאנץ יאר.

(עבודת עבודה פתגמ"ק)

ובמקהלות רבבות, יחד כולם הודו בשירי ידידות, בקול נעים ארנן בזמירות, אמע"כ חברינו, מזמור שיר למנצח בנגינות, שמך אכבד בשירי ידידות, מלא מדע וחכמה בתורה ובעבודה ובחסידות, מכבד את ה' מגרונו בתמידות, בקול רם ובתוף וכנור יזמר זמירות, הלא הוא
מו"ה **יוסף יחיאל האלפערט** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט
יקום פרקן מן שמיא, שתזכה לראות בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות לשמה, ויושפע לך משמי מעל רב חיי"א ורב חינ"א ורב חסד"א ברוב סייעתא דשמיא ואך טוב וחסד עדי נזכה בקרוב שיולכינו כ"ק מרן רבינו שליט"א לקראת משיח צדקינו במהרה בימינו אמן.
**המברכים: חברי מקהלות המנגנים**

המדור הזה נתנדב ע"י הרה"ח ר' **בעריש עסטרייכער** הי"ו (מאנסי)
לע"נ אביו הרה"ח ר' יעקב יודא ב"ר משה אלי' ז"ל
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

# א ווארט צום שבת טיש

געקליבענע תורות און מעשיות נאכצוזאגן ביים שבת טיש

## א תורה אויף די פרשה

### ויאמר ה' אל משה אמר אל הכהנים בני אהרן ואמרת אלהם וגו'.

דער אייבערשטער האט מרמז געווען פאר די כהנים, אז זיי זאלן זיך אפלערנען פון די מידה פון משה רבינו ענוה' און גוט אריין טראכטן וואס עס האט פאסירט מיט נדב ואביהוא אז זיי זענען נפטר געווארן צוליב דעם וואס זיי האבן זיך אביסל אויפגעפירט מיט גאוה.

דאס זאגט דער פסוק, 'ויאמר ה"' דער אייבערשטער האט געזאגט, 'אל משה' אז די כהנים זאלן זיך אפלערנען פון די מידה פון משה, 'אמר אל הכהנים בני אהרן' און זיי זאלן געדענקן וואס עס האט פאסירט מיט די קינדער פון אהרן.

(בת עין)

### אמר אל הכהנים אמור ואמרת; להזהיר גדולים על הקטנים.

עס איז באקאנט וואס עס שטייט אין זוהר הק', אז אתפשטותא דמשה בכל דרא ודרא, דאס איז מרומז דא אין פסוק 'אמור ואמרת', די ווערטער פון משה רבינו זענען נישט נאר אויף יענער צייט, נאר אין אלע דורות, 'להזהיר גדולים על הקטנים', די גרויסע צדיקים וואס אין זיי ליגן די נשמה פון משה רבינו, ווארענן און וועקן אויף די יודן צו דינען דעם באשעפער.

(מהר"ש מבעלזא)

### אמר אל הכהנים בני אהרן.

קען זיין דא א רמז, משה רבינו זאל זיי זאגן, אז נאר דעמאלטס וועלן זיי קענען זיין כהנים, אויב זיי זענען 'בני אהרן' אזוי ווי אהרן איז געווען א אוהב שלום ורודף שלום.

(דמשק אליעזר - קאמארנא)

### למען ידעו דורותיכם כי בסכות הושבתי את בני ישראל בהוציאי אותם מארץ מצרים.

די מפרשים פרעגן לויט דעם מאן דאמר וואס האלט אז סוכות איז א זכר פון די ענני הכבוד, וואלט געדארפט זיין סוכות אין חודש ניסן. נאר מען קען עס פארענטפערן אז וויבאלד ווען זיי האבן געמאכט דעם עגל איז דאך דער ענן הכבוד אוועק געגאנגען, און עס איז נישט צוריק געקומען ביז מען האט אנגעהויבן צו מאכן דעם משכן, און משה איז אראפ געקומען פון הימל יום כפור, און מחרת יום הכפורים וואס דאס איז געווען י"א תשרי האט משה איינגעזאמעלט אלע אידן און זיי באפוילן אויף מלאכת המשכן, און עס שטייט אין פסוק והם הביאו עוד נדבה 'בבוקר בבוקר', איז דאך שוין נאך צוויי טעג, איז דאך שוין געווען דרייצן טאג אין תשרי, און אין פערצן טאג אין תשרי האבן די חכם לב אלעס גענומען פון משה, און אין פופצן טאג אין תשרי האבן זיי אנגעהויבן די מלאכת המשכן, און דעמאלטס זענען די ענני הכבוד צוריק געקומען, וועגן דעם מאכן מיר סוכות פופצן טאג אין חודש תשרי, לזכר צו די ענני הכבוד וואס זיי זענען דעמאלטס צוריק געקומען.

(קול אליהו)

### כי את אשי ה' לחם אלקיהם הם מקריבים.

לכאורה דארף מען פארשטיין, וואס איז די דאפעלטע לשון 'את אשי ה"', און 'לחם אלוקיהם', 'אשי ה"' מיט 'לחם אלוקיהם' זענען דאס זעלבע זאך.

נאר מען קען דאס מסביר זיין, מיט דעם וואס דער רמב"ן זאגט, אז דער גאנצע ענין פון ברענגן קרבנות איז, אז דער מענטש זאל זעהן ווי מען שפריצט דאס בלוט פון די בהמה, און מען פארברענט אירע איברים, זאל דער מענטש אריין טראכטן, אז באמת וואלט מען עס געדארפט טוהן מיט אים אליינס, נאר דאס איז א חסד פון דער אויבערשטער, וואס ער איז מקבל די בהמה פאר א כפרה אנטשאט דעם מענטש.

מיט דעם טייטשט מען דעם פסוק (ויקרא א' ב') 'אדם כי יקריב מכם', אין אמת'ן אריין וואלט מען געדארפט נעמען א קרבן 'מכם', דעם מענטש אליין, אבער 'קרבן לה' מן הבהמה' דער אויבערשטער האט געזאגט אז מען קען ברענגען א בהמה אנשטאט דעם מענטש.

קומט אויס אז די עיקר עבודה פון דער כהן איז געווען, ווען א איד האט געברענגט זיין קרבן, אז דער כהן זאל אריין ברענגען א התעוררות אז דער מענטש זאל תשובה צו טוהן, און דער מענטש זאל אריין טראכטן וואס מען טוט צו דעם בהמה, וואס דאס איז די גאנצע תכלית פון ברענגן קרבנות. טאמער אבער דער מענטש ווערט נישט נתעורר תשובה צו טוהן, איז דער קרבן גארנישט ווערט, וועט יעצט אויסקומען אז ביי יעדער קרבן, דארף דער כהן מקריב זיין צוויי זאכן, ער דארף פשוט מקריב זיין דעם בהמה, און אויך דארף ער מקריב זיין - נאנט ברענגען דעם הארץ פון דעם איד וואס האט געזינדיגט, זאל נענטער קומען צו הקב"ה.

די גמרא זאגט אין מסכת מנחות (ק"י ע"א) עס איז דא א מזבח אויבן אין הימל וואס מלאך מיכאל איז מקריב אויף דעם יעדן טאג קרבנות. זאגט אויף דעם תוספות אז מיכאל איז מקריב די נשמות פון די צדיקים. און דעריבער זאגן מיר ביים דאווענען 'ואשי ישראל', וואס דאס גייט ארויף אויף די נשמות פון די צדיקים, זעהן מיר פון דעם אז א נשמה ווערט אנגערופען 'אשי'.

דאס קען זיין פשט אין פסוק, 'קדושים יהיו' הייליג זאלן זיי זיין די כהנים, 'כי את אשי ה"' - וויבאלד זיי דארפן מקריב זיין 'אשי ה"' די נשמה פון דעם איד וואס האט געזינדיגט, און אויך 'לחם אלוקיהם', זיי דארפן מקריב זיין די קרבנות. דעריבער פעלט אויס די כהנים זאלען זיין הייליג. ודפח"ח.

(שמן ראש)

### כל אשר בו מום לא תקריבו וגו' תמים יהיה לרצון וגו'.

מען קען מסביר זיין די פסוקים, מיט דעם וואס דער מדרש רבה (ויקרא ג' ה') דערציילט א מעשה:

עס איז געווען א אקס וואס מען האט געוואלט נעמען צו שחט'ן פאר א קרבן, אבער דער אקס האט זיך נישט געלאזט, מען האט פראבירט אויף אלע אופנים צו שלעפן דעם אקס, און מען האט נישט געקענט. ביז עס איז געקומען א ארימאן און האט געגעבן פאר דעם אקס צו עסן גראז וואס האט געמאכט אז דער אקס זאל אנהייבן צו היסן. ווען דער אקס האט אנגעהויבן צו היסן איז ארויס געקומען א נאדל, האט מען פארשטאנען אז צוליב דעם וואס עס האט געהאט א נאדל אין זיך, דעריבער האט עס נישט געוואלט ווערן געשח'טן פאר א קרבן, ווייל עס וואלט געווארן טרפה.

דאס קען זיין פשט אין פסוק 'כל אשר בו מום' יעדע בהמה וואס פארמאגט אין זיך א באהאלטענע מום 'לא תקריבו' וועט מען נישט קענען ברענגן פאר א קרבן, וויבאלד די בהמה וועט נישט וועלן גיין. טאמער א מענטש וויל וויסן אויב עס האט נישט א מום, אז די בהמה איז 'תמים', זאגט אויף דעם דער פסוק אויב עס וועט זיין 'יהיה לרצון' די בהמה וועט גיין מיט זיין אייגענעם ווילן, דעמלטס איז דאס א ראי' אז 'כל מום לא יהיה בו' אז עס האט נישט קיין איין מום.

(ילקוט האורים)

# הלכות והנהגות בימי ספירה (ג)

## פארשידענע ענינים

### א

### שאלה: עס זענען דא וואס האלטן זיך אפ פון פארן אין טעג פון ספירה א לענגערע נסיעה, האט עס א מקור, און וואס איז די הלכה אויף למעשה?

**תשובה:** עס זענען געווען ווער עס האט זיך מונע געווען צו פארן אין די ימי הספירה אויף נסיעות, וויבאלד די ימי ספירה זענען ימי דין.

עס איז דא א בריוו וואס דער ציעשינובער רב זצ"ל שרייבט (מכתב נ"ז) אז הרה"ק רבי יהושע מ'בעלזא זי"ע, איז אמאל געפארן אין די ימי הספירה קיין לאנצוט, און ער האט דעמאלטס געזאגט, איך בין קיינמאל נישט געפארן א נסיעה אין די ימי הספירה, אבער למען פרנסת אלפי נפשות, בין איך מוכרח נישט מקפיד צו זיין דערויף.

אבער למעשה איז נישט אנגענומען די קפידא, און מען פירט זיך אז מען פארט יא נסיעות.

דער מונקאטשער רב זצ"ל שרייבט (שו"ת מנחת אלעזר ח"ד סימן מ"ד) אז איינער האט אים אנגעפרעגט, אז ער האט א קבלה מבית אבותיו, אז מען טאר נישט פארן א נסיעה אין ימי הספירה, צי עס איז טאקע דא אין דעם א קפידא, שרייבט אים דער מונקאטשער רב מיט דעם לשון: 'איך קען נישט גלייבן אז זיי האבן דאס געזאגט אויף דעם נוסח, אז עס איז א איסור צו פארן, ווייל דאס קען נישט זיין, ווייל דאס איז קעגן דעת התורה, די תורה האט דאך באפוילן עולה רגל צו זיין אין די שלש רגלים בחג המצות ובחג השבועות, און די צייט פון עולה רגל זיין איז בעיקר אין טעג פון פסח און שבועות, וואס אין די צייט זענען די אידן געגאנגען און קומען קיין ירושלים פון ווייטע פלעצער, און אדרבה איז שטייט אין ספר פרי עץ חיים אז דער אר"י הקדוש זי"ע איז געפארן אויף ל"ג בעומר קיין מירון, און ער איז דארט געווען מיט זיין בני בית, און עס איז זיכער אז זיין נסיעה אהין

# ביאור הלכה

הלכות וביאורים מתוך ספרי בית נאמן בישראל

אשר עדיין לא ראו אור הדפוס

מאת הגאון הגדול דומ"ץ קריתינו הק' שליט"א

און צוריק איז געווען אין טעג פון ספירה, און אזוי פירט מען זיך ביזן היינטיגן טאג אז מען קומט צו פארן פון מערב לענדער, און פון תימן און פון אנדערע ווייטע מדינות קיין מירון אויף ל"ג בעומר, און מען קומט און מען גייט יעדן טאג פון די ספירה, זעט מען אז עס איז נישט קיין קפידא צו פארן נסיעות אין די טעג פון ספירה'.

און ער שרייבט דארט ווייטער, 'און זאלסט מיך נישט אפ פרעגן, אז עס איז נישט קיין ראיה פון עולה רגל זיין, וואס איז א מצוה וואס איז שייך דירעקט אין די טעג, ממילא איז נישט קיין קפידא, ווייל שומר מצוה לא ידע דבר רע, מה שאין כן סתם צו פארן היינטיגע צייטן וואס איז נישט קיין מצוה דארף מען יא מקפיד זיין, דאס איז נישט ריכטיג, ווייל דער רמ"א פסק'נט (או"ח סימן רמ"ח ס"ד) אז דאס וואס מען פארט וועגן פרנסה, אדער זיך צו טרעפן מיט א חבר, דאס גייט אויך אריין בגדר מצוה'.

אבער די פוסקים שרייבן, אז מען דארף אכטונג געבן נישט צו פארן אויף פלעצער וואס זענען מסוכן, וויבאלד די ימי הספירה זענען ימי דין.

אזוי שרייבט דער חוות יאיר: 'אז מען זאל נישט שלאגן די קינדער אין די טעג פון ספירה מיט א רצועה [פאסיג] א.ד.ג., און מ'זאל נישט ווארפן אויף זיי קיין שום זאך, אויך זאל מען אכטונג געבן אז די קינדער זאלן נישט ווארפן קיין שום זאך איינער אויפן צווייטן, אזוי ווי אין די ניין טעג'.

אין קובץ תל תלפיות ווערט געברענגט אז אין בעלזא פלעגט מען זיך זייער שטופן מען זאל קענען זען דעם בעלזער רב זצ"ל, און ביי די פענסטערס פון מזרח וואנט פלעגן ארויף קריכן אסאך מער מענטשן וויפיל עס האט געהאט פלאץ, אבער אין די ימי הספירה האט דער בעלזער רב נישט געלאזט אז עס זאלן ארויף גיין אהין נאר וויפיל פלאץ עס האט געהאט, ווייל עס א סכנה, און די ימי הספירה דארף מען אכטונג געבן פון א סכנה.

איבערדעם דארף מען אכטונג געבן מען זאל זיך נישט צו ברענגען צו א סכנה, מען זאל נישט פארן אויף סכנה'דיגע פלעצער, ווי שיפלען, און מען זאל נישט פארן ווילד, וכדומה.

### ב

### שאלה: עס זענען דא וואס זיי זענען זיך מונע צו מאכן א מלאכה אין די טעג פון ספירה, פון די שקיעה און ווייטער, איז דער מנהג אנגענומען?

**תשובה:** עס שטייט אין מחבר (סימן תצ"ג ס"ד) 'נהגו הנשים שלא לעשות מלאכה מפסח ועד עצרת, משקיעת החמה ואילך', אז די פרויען פירן זיך, אז זיי מאכן נישט א מלאכה אין די טעג פון ספירה, פון נאך די שקיעה, ווייל דעמאלטס האט מען באערדיגט די תלמידים פון רבי עקיבא (טור), און די פרויען האבן זיך באשעפטיגט מיט זיי, זיי האבן געמאכט די תכריכים וכדומה (שבולי הלקט).

#### מענער

דער עמדין שרייבט (מור וקציעה סימן תצ"ג) אז דער כנסת הגדולה האלט, אז אויך מענער זאלן נישט טון קיין מלאכה, און דאס וואס דער מחבר שרייבט אז פרויען מאכן נישט קיין מלאכה, ווייל דעמאלטס איז די צייט וואס פרויען זענען באשעפטיגט מיט זייער ארבעט, אין ער פירט אויס 'וכך נראה לי עיקר', אז מענער זאלן אויך נישט טאן קיין מלאכה פון די שקיעה, וועגן צוויי טעמים:

1. כדי מען זאל געדענקען צו ציילן ספירה ביינאכט.
2. ווייל די ימי הספירה זענען אזוי ווי חול המועד, און מען וואלט געדארפט אסר'ן צו מאכן א מלאכה אין אלע ימי ספירה אפילו בייטאג אזוי ווי חול המועד, נאר וויבאלד ס'איז זייער שווער נישט צו מאכן א מלאכה די אלע טעג, איבערהויפט זענען די טעג א צייט וואס מען דארף אקערן די פעלדער, איבער דעם האבן חז"ל נישט גע'אסרט די אלע טעג, אבער ביינאכט וואס מען דארף נישט ארבעטן אין די פעלדער האבן זיי יא גע'אסרט צו טאן א מלאכה.

3. דער משנה ברורה (שם) שרייבט נאך א טעם, וויבאלד דעמאלטס איז די צייט וואס מען קען שוין ציילן ספירת העומר, און ביי די מצוה פון עומר שטייט 'שבע שבתות תספור לך' און שבתות איז א לשון פון רוען, איבער דעם דארף מען רוען אין די צייט און נישט מאכן קיין מלאכה, און ער פירט אויס אז לויט דעם טעם, נאכדעם וואס מען האט שוין געציילט ספירה מעג מען שוין טאן א מלאכה.

## ג
## שאלה: וועלכע מלאכה טאר מען נישט מאכן אין די צייט?

**תשובה:** די פוסקים ברענגען אז נאר א לענגערע מלאכה זאל מען נישט טוהן, אבער א קורצערע מלאכה ווי שרייבן, וואשן וועש, אדער נייען א קנעפל א.ד.ג., אזעלכע מלאכות מעג מען טוהן, אזוי ווי דער יעב"ץ (בסידורו מבוי י"ב לשאר יומי ניסן) שרייבט: 'מלאכה גמורה וארוכה', נאר א געהעריגע לענגערע מלאכה.

און דער בוטשאטשער רב שרייבט: 'אז יעדע מלאכה וואס מען טאר נישט טוהן חול המועד, זאל מען נישט טוהן אין די ימי הספירה, אבער א מלאכה וואס אפילו נאר לויט איין דיעה איז מותר צו מאכן חול המועד, כאטש חול המועד איז מען מחמיר, אין די ימי ספירה דארף מען נישט מחמיר זיין אפילו על פי חסידות' (אשל אברהם, סוף סימן תצ"ג).

### וואשן וועש

מען מעג וואשן וועש, כאטש אין חול המועד איז אסור, ווייל דער טעם האיסור אין חול המועד איז, כדי שלא יכנס למועד כשהוא מנוול, און דאס איז נישט שייך אין די ימי הספירה, איבערהויפט אז היינטיגע צייטן וואשט מען מיט א וואש-מאשין און דאס איז בכלל נישט בגדר מלאכה (מקדש ישראל סימן קי"ט).

### צונייען א קנעפל

מען מעג צונייען א קנעפל נאך די שקיעה, ווייל אויך אין חול המועד זענען דא מתירין (עפ"י בוטשאטש הנ"ל), און אויך ווייל עס איז נישט קיין לענגערע מלאכה (עפ"י היעב"ץ הנ"ל) (מקדש ישראל (שם).

### וויאזוי פירט מען זיך למעשה

דער חק יעקב (אות י"ב) שרייבט: 'ולא ראיתי נזהרים בזה אף הנשים' עכ"ל, און אזוי איז אנגענומען דער מנהג אין אונזערע פלעצער.

אבער דער כף החיים (אות נ"ג) שרייבט: אז דאס וואס דער מחבר שרייבט 'ונהגו הנשים', מיינט דאס נישט אז אלע פרויען פירן זיך אזוי, נאר עס זענען דא פרויען וואס פירן זיך אזוי, און זיי דארפן מחמיר זיין, אבער די פרויען וואס האבן נישט דעם מנהג זאל מען נישט מוחה זיין אויב זיי טוען א מלאכה.

### קומט אויס

אז כאטש אין אלגעמיין איז נישט אנגענומען דער מנהג, אבער די משפחות וואס האבן יא די מנהג, דארפן דאס אנהאלטן, און זיי טארן נישט מאכן א לענגערע מלאכה, וואס איז אסור לויט אלע דיעות אין חול המועד.

## ד
## שאלה: א יונגערמאן וואס איז עוסק צו טרעפן נעיסטן פון פייגלען און טויבן, האט געפרעגט אז אזוי ווי אין די ימי הספירה טרעפט זיך אסאך נעיסטן פון פייגלען, און ער קען מזכה זיין אסאך מענטשן מיט די מצוה פון 'שילוח הקן', האט אים אבער איינער מעורר געווען אז עס ווערט געברענגט על פי קבלה, אז מען זאל זיך מונע זיין צו מאכן 'שילוח הקן' אין די ימי הספירה, צי ס'האט א מקור, און צי ס'איז טאקע דא אזא קפידא?

**תשובה:** יא, עס שטייט אין ספר עץ חיים פון רבי שלום שרעבי זצ"ל, אז על פי קבלה זאל מען זיך מונע זיין פון צו מאכן שילוח הקן אין די טעג פון ספירה.

אבער למעשה איז באקאנט אז אין שנת תשמ"ב, האט דער גאב"ד פון ירושלים רבי יצחק יעקב ווייס זצ"ל, דער בעל שו"ת מנחת יצחק, מקיים געווען די מצוה פון שילוח הקן, ווייל על פי הלכה ווען מען טרעפט א קן ציפור, דארף מען מקיים זיין די מצוה פון שילוח הקן (ספר בין פסח לשבועות עמוד נ"ט).

דער ספר קן צפור (עמוד קצ"ה) שרייבט, הלכה למעשה: אזוי ווי רוב פוסקים האלטן אז ווען מען זעהט א קן צפור, איז דא א חיוב צו מאכן שילוח הקן, איבער דעם אויב עס קומט אונטער פאר א מענטש צו מאכן שילוח הקן, זאל ער דאס נישט אפשטופן, אבער צו גיין דירעקט זוכן א קן צפור, איז נישט קיין ענין, וויבאלד על פי קבלה איז נישט א זמן פון שילוח הקן.

## ה
## שאלה: עס זענען דא וואס פירן זיך צו זאגן יעדן טאג פון די ספירה, היום כך וכך לספירה, ווי איז דער מקור פון דעם, און וואס איז דער טעם דערפון, און צו דאס איז א חיוב?

**תשובה:** דער ספר מועד לכל חי (סימן ה' אות י"ז) שרייבט, אז עס זענען דא פלעצער וואס פירן זיך אז ביי שחרית נאך קדיש תתקבל, פארן זאגן דעם יום, אדער נאכן זאגן דעם יום פאר מען זאגט קוה אל ה', זאגט דער ש"ץ מיט א הויך קול 'היום כך וכך לעומר', כדי אויב איינער האט פארגעסן צו ציילן די ספירה, זאל ער יעצט ציילן אן א ברכה, און ער וועט קענען ציילן די אנדערע טעג די ספירה מיט א ברכה, און ער פירט אויס אז דאס איז 'מנהג נכון' (וכ"כ בספר כף החיים סימן תפ"ט ס"ק פ').

### מנהג חסידים ואנשי מעשה

אין שו"ת מראה יחזקאל, להרה"ק רבי יחזקאל פאנעט (סימן ק"ד) און אזוי שטייט אויך אין ספר טעמי המנהגים (אות תרי"ג), אז רבי ר' מענדל'ע מ'רימנוב זי"ע האט זיך געפירט צו ציילן יעדן טאג פון די ספירה עטליכע מאל א טאג די ספירה פון דעם טאג, ער האט געזאגט 'היום כך וכך לעומר', אן א ברכה וכו', כדי נישט מסיח דעת צו זיין פון די ספירה א גאנצן טאג, און עס זאל זיין תמימות.

אבער אין ספר בארת המים (לספירת העומר עמוד כ"ח) שטייט: אז רבי ר' הירש מ'רימנוב זי"ע האט געזאגט אז זיין רבי, ר' רבי מענדל מ'רימנוב זי"ע, האט געזאגט אז מען דארף עס זאגן לכל הפחות צען מאל א טאג.

המשך בע' ח

# באור הילולא

תולדות וסיפורים מצדיקים שיוהדה"ל חל בשבוע הבעל"ט

## הרה"ק רבינו רבי אליעזר צבי מקאמארנא זי"ע בעל דמשק אליעזר

**דעם קומענדיגן דאנערשטאג בה"ב כ"ד אייר הבעל"ט געפאלט אויס די יומדל"ק פון רבינו רבי הרה"ק רבי אליעזר צבי סאפרין מקאמארנא זי"ע.**

### ואלה מתולדותיו

דער הייליגער רבי אליעזר'ל פון קאמארנא איז געבוירן געווארן צו זיין הייליג פאטער רבי אייזיק'ל קאמארנער בעל זוהר חי זי"ע, אין יאר תק"ץ.

רבי אליעזר'ל האט נאך זוכה געווען זיך צו דרייען ביי זיין פעטער הרה"ק רבי משה מ'סאמבור זי"ע און מקבל געווען תורה וחסידות, אזוי אויך האט ער מקבל געווען תורה וקדושה ביי זיינע רבי'ס, הרה"ק רבי יהודה צבי מ'ראזלא זי"ע, הרה"ק רבי יצחק אייזיק מ'זידיטשוב זי"ע, אזוי אויך האט ער געהאלטן זיין טאטע רבי אייזיק'ל פאר רבו מובהק.

אין יאר תרל"ד האט ער ממלא מקום געווען זיין טאטע רבי אייזיק'ל אין שטאט קאמארנא. איידער רבי אייזיק'ל איז נסתלק געווארן האט ער צוזאמגערופן אלע זיינע קינדער און נאנטע, און דאן במעמד רב האט ער געקליידעט זיין זוהן רבי אליעזר'ן מיט זיינע ווייסע בגדי שבת, און אים געהייסן זיך אנידערזעצן אויף זיין בענקל במקום אשר אדמת קודש הוא. ווען די רעבעצין האט דאס צוגעזעהן האט זי אנגעהויבן שטארק צו וויינען, אבער רבי אייזיק'ל האט איר בארואיגט זאגענדיג אז מען דארף זיך פרייען און זיין בשמחה, אז אונז האב מיר זוכה געווען צו זעהן וויאזוי אונזער טייערער זוהן איז ראוי צו זיצן דא און אנהייבן וואונטשן אסאך ברכות פאר אידן. דאן האט רבי אייזיק'ל געזאגט אז ער איז מסמיך רבי אליעזר'ל צו זיין רבי, און ער געט אים איבער זיינע הייליגע כוחות צו ווייזן וואונדער פאר אידן.

כאור החמה איז רבי אליעזר'ל געווארן פארשפרייט בקרב הארץ, ווי מאסן אידן זענען זיך געקומען ווענדן צו איהם און האבן סיי ווען אנגעקלאפט אויף זיין טיר לישועה ברכה ולהצלחה, אזוי אויך פילע רבנים אדמורי"ם מפורסמים.

רבי אליעזר'ל האט מחבר געווען הייליגע חיבורים וואס טראגט א באזונדערע הייליגקייט בכל תפוצות ישראל, זיי זענען געדריקט אין זיינע הייליגע ספרים וואס פארשפריינען נאך עד היום הזה די גאנצע וועלט, בן ביתי עה"ת, בן ביתי על תהלים, דמשק אליעזר פירוש על זוה"ק, זקן ביתו על פרקי אבות, אור עינים על ערכי קבלה, אזוי אויך זענען פאראהאנען מכתבים ותורות וכו' אין די ספרי בית קאמארנא.

### קדושת יומא דהילולא של הרה"ק מהרא"צ מקאמארנא זי"ע:

הילולת רבי אייזיק'ל, יום כ"ד אייר, חל לעולם באותו יום בשבוע שיחול בו יום הקדוש הבא אחריו, וכן חל ביום זה בשבוע גם הילולת אביו הק' רבי אייזיקל ביום י' אייר, וכן הילולת הרה"ק רבי יצחק אייזיק מזידיטשוב זי"ע ביום ט' סיון, כל אלה חלים ביום שיחול יום הקדוש הבא אחריו.

(עבודת עבודה שיח"ק ח"ב עד"ר)

רבי אליעזר'ל איז נסתלק געווארן כ"ד אייר תרנ"ח לפ"ק, און איז געקומען למנוחת עולמים אינעם שטאט קאמארנא, נעבן די ציון הק' פון זיין הייליגע פאטער רבי אייזיקל, זי"ע.

*

### מאמרותיו הטהורים

רבי אליעזר'ל האט אמאל געזאגט, זיצענדיג ביי א חנוכה סעודה, יעדע איד האט א ניצוץ אין זיין הארץ פון אברהם אבינו, כדי זיך צו קענען דערנענטערן און מקרב ווערן צום אויבערשטן.

נאך האט רבי אליעזר'ל אמאל געזאגט, א עצה אנטקעגן א 'חלום רע' איז, צו לערנען גמרא מיט רי"ף, און די חלום וועט זיך איבערדרייען צום גוטן.

### דמשק אליעזר - פירוש על זוהר הק':

רבי אליעזר'ל איז געווען א גאון הגאונים, ער איז געווען בקי אין נגלה און נסתר, מען האט איס באטיטלט 'רבי אליעזר הגדול'. רבי אליעזר'ל האט זיך שטענדיג פרובירט אויסצובאהאלטן פון מענטשליכע אויגן, און פרובירט צו פארהוילן זיינע גרויסע מדריגות פון מענטשן, און פלעגט זיך פירן אויף א פשוטע וועג, כדי מענטשן זאלן נישט באגרייפן זיינע גרויסע כוחות וואס ער פארמאגט אין זיך.

רביה"ק זי"ע אין עבו"ע (שיח"ק ח"ב רס"ז) זאגט אז די פירוש דמשק אליעזר אויף די ספר הזוהר, גיבט א ביישפיל פון די גרויסקייט פון רבי אליעזר'ל אין זיין נגלה און נסתר.

דער הייליגער סבא קדישא זי"ע האט געהערט מפה קדשו פונעם הייליגן רבי אליעזר'ל בשעת דעם וואס ער האט געשריבן די פירוש דמשק אליעזר אויפן זוהר: 'מיר מאכן א פירוש אויפן זוהר, אז אפילו א קינד פון זעקס יאר זאל פארשטיין דעם זוהר', ווען רביה"ק האט דאס נאכדערציילט האט ער אויסגעפירט: 'כי זאת היתה דרכם של רבותינו מזידיטשוב וקאמארנא, שבני ישראל לא ימנעו עצמם מלימוד הזוהר אף בנערותם'.

דער איידעם פון רבי אליער'ל, הרה"ק רבי יודא צבי טויב ז"ל האט פארציילט, אז אין די טעג וואס זיין שווער רבי אליעזר'ל איז געווען פארנומען מיטן שרייבן די פירוש דמשק אליעזר אויפן זוהר, האט ער געזעהן אין זיין חלום ביינאכט ווי מען ווייזט אים פון הימל זיינע חידושים וואס ער שרייבט, און מען האט אים געזאגט אז דאס מאכט א רעש גדול אין אלע עולמות.

### - די ספעציעלע התקשרות פון רבינו הסבא קדישא זי"ע צום בעל ההילולא זי"ע -

דער הייליגער סבא קדישא זי"ע איז געווען א תלמיד מובהק פון רבי אליעזר'ל מקאמארנא - בעל ההילולא.

דער סב"ק פלעגט פארן צו איהם אין א משך פון 11 יאר צייט, און איז געווען מורא'דיג

באליבט אין די אויגן פון רבי אליעזר'ל. עד כדי כך אז ער איז געווען פארערכענט ביי איהם אזוויו' זיין אייגן קינד, אזוי ווי רבי אליעזר'ל האט זיך זעלבסט אמאל אויסגעדריקט צום סבא קדישא, 'אלעס וואס איך גיב פאר מיינע קינדער גיב איך פאר דיר'.

דאס זעלטענע התקשרות פונעם סבא קדישא צו רבי אליעזר'ל, האט שוין רבי אייזיק'ל פאראויסגעזאגט ברוח הקודש פארן הייליגן שרף זי"ע מיט אסאך יארן פריער, זיך אויסדריקענדיג: 'אז איר וואלט מיך באגלייט איבער דעם בריק, וואלט איר געווען אונזערס, אבער אז איר ווילט נישט וועט אייער קינד זיין אונזערס', און דאס האט ווירקליך פאסירט שפעטער ווען דער סבא קדישא האט זיך אנגעקניפט אין רבי אליעזר'ל. (עיין העובדא במילואו בעבודת הלויים ח"ב עמוד שי"ב)

רביה"ק זי"ע דערציילט (עבו"ע שיח"ק ח"ב רע"ג) אז דער הייליגע סב"ק האט עטליכע יאר נאך זיין חתונה נאכנישט זוכה געווען צו קיין זרע של קיימא, ביז ער איז נתקרב געווארן צו רבי אליעזר'ל סוף שנת תרמ"ז, דאן ביים זיך אויסבעטן ביי רבי אליעזר'ל פאר זש"ק האט אים רבי אליעזר'ל געגעבן צו טרינקן 'בושטין', א געוויסער געטראנק אזוי ווי טיי, און דאן איז ער געהאלפן געווארן, האבענדיג דערנאך 5 הייליגע קינדער.

דער סבא קדישא פלעגט גאר אסאך און אפט פארן ווילן ביי רבי אליעזר'ל אין קאמארנא, ער פלעגט איינשטיין ביי רבי אליעזר'ל אזוי ווי א קינד ביי זיין טאטע, וואוינענדיג אינעם הויז פון רבי אליעזר'ל פלעגט דער סב"ק גאר אסאך פארברענגען און לערנען מיט רבי אליעזר'ל, און דאן האט זיך דער סבא קדישא אנגעשעפט און קונה געווען פיל מיט הויפענעס תורה וחסידות פון זיין הייליגן רבי'ן, רבי אליעזר'ל מקאמארנא.

רבי אליעזר'ל האט געזאגט פארן סבא קדישא: 'איבער די הונדערט יאר זאלסט דיך נישט פארכטן, זאלסט דיך אנכאפן אין מיין בעקיטשע'.

עטליכע טעג איידער רבי אליעזר'לס פטירה, האט ער מסדר געווען אז יעדע נאכט זאל א צווייטע זוהן קומען אים משמש זיין, דאן האט ער פאר יעדעם באזונדער אויסגעלערנט גאר הויעכע השגות, איינע פון די נעכט איז געפאלן די רייע פון דער סבא קדישא צו משמש זיין רבי אליעזר'ל, טראץ וואס דער סבא קדישא איז בלויז געווען דאן 33 יאר, דאך האט אים רבי אליעזר'ל אויסגעלערנט ענינים גבוהים ורמים, און אין יענעם נאכט האט רבי אליעזר'ל אויך מסמיך געווען דער סבא קדישא מיט סמיכה צו ווערן א רבי, און אים געגעבן כוחות צו פועלן ישועות, זאגענדיג: 'דו קענסט ליינען א קוויטל און דו קענסט טרייבן א פערד'. ומי יעמוד בסוד קדושים.

רביה"ק דערציילט (עבו"ע שם) אז דער סבא קדישא האט פארציילט אז אין יענעם נאכט זייענדיג ביים הייליגן רבי אליעזר'ל הארט בעפאר זיין הסתלקות, האט אים רבי אליעזר'ל דערביי געזאגט, אז ער זאל נישט טוישן קיין מנהגים פון א שטאט וואס מען האט זיך דארט געהאט געפירט פארדעם אנדערש. אט אזוי האט זיך טאקע דער סבא קדישא געפירט, ווען אמאל האט זיך דער סבא קדישא באטייליגט ביי א שמחת השבע ברכות פון איינע פון די שטאט-לייט, און די מנהג אין קאמארנא איז אז מען זאגט די פיוט פון 'דוי הסר' נאר ביי די חתונה, אבער ביי די שבע ברכות נישט, אבער דאן ביי יענעם שמחה וואס איז געווען אין א אנדערע שטאט האט דער סבא קדישא יא געזאגט 'דוי הסר', ווען די ארומיגע מקורבים האבן געפרעגט דעם אורזאך דערפון, פארן פארענדערן און יא זאגן 'דוי הסר', האט דער סבא קדישא געענטפערט דאס אויבנדערמאנטע אז רבי אליעזר'ל האט אים געזאגט אז ער זאל נישט משנה זיין קיין מנהגים אין שטעט ווי מען פירט זיך אנדערש, און דאס האט דער סבא קדישא אנגעהאלטן, און אנגענומען ווי א צוואה פונעם הייליגן רבי אליעזר צבי מקאמארנא זי"ע.

**ויושר יליצו בעדינו חיות**
**אש זכותו הגדול והקדוש**
**יגן עלינו ועל כל ישראל -**

# לוח היארצייטן



יארצייטן פון רבותינו הק' ואנשי שלומינו וואס געפאלט אין די קומענדיגע וואך

## זכר צדיקים לברכה

| | | |
|---|---|---|
| י"ט אייר | הרה"ק רבי מנחם מענדל בן רבי יוסף זי"ע (מ'רימנוב - מנחם ציון) | תקע"ה |
| כ"ד אייר | הרה"ק רבינו אליעזר צבי בן רבינו יצחק אייזיק יהודה יחיאל זי"ע (מ'קאמארנא - דמשק אליעזר) | תרנ"ח |

## זכר חסידים לברכה

| | | | |
|---|---|---|---|
| כ"ג אייר | הרבנית הצדיקת ברכה חנה ז"ל<br>בת רביה"ק מרן משולם פייש סג"ל זי"ע | תשס"ז | אוהל הק' של רביה"ק זי"ע |

# מאור התורה

ציצים ופרחים על עניני הפרשה

### לנפש לא יטמא בעמיו, ווערט געברענגט אין די ספרים אז צדיקים זענען נישט מטמא.

די מדרש דערציילט אז אין די צייט ווען רבי עקיבא איז געווען געפאנגען און איינגעשפארט אין תפיסה, ווען עס איז געקומען יום כיפור האט זיין משמש רבי יהושע הגרסי אים געבעטן רשות אהיימצוגיין, און רבי עקיבא האט מסכים געווען. יענע יום כיפור איז רבי עקיבא נפטר געווארן, איז אליהו הנביא געקומען צו ר' יהושע הגרסי און אים דערציילט אז זיין רבי ר' עקיבא איז נפטר געווארן, און זיי זענען צוזאמען געגאנגען א גאנצע נאכט ביז זיי זענען אנגעקומען צו די תפיסה, און די תפיסה איז געווען אפן און די אלע וועכטער זענען געשלאפן, האט אליהו גלייך געגאנגען און זיך מטפל געווען מיט ר' עקיבא, האט אים ר' יהושע געפרעגט 'ולאו כהן אתה', וויבאלד אליהו איז געווען פנחס, האט אליהו הנביא אים געזאגט 'גיי זאג פאר די חכמים אז זיי זאלן אויסלערנען זייערע תלמידים אז עס איז נישט דא קיין טומאה ביי צדיקים', און דאס האט משה רבינו געזאגט פאר די כהנים 'לנפש לא יטמא בעמיו', אבל למת מצוה ולצדיקים ולחכמים אין להם טומאה.

*

עס איז באקאנט פון ספרים אז צדיקים בלייבן אויף אייביג און אפילו זיי לעבן שוין נישט בלייבט זייער כח דא אויף די וועלט, און עס איז כאילו זיי זענען נישט געשטארבן.

ר' אייזיקל זידיטשובער זי"ע שרייבט אין א בריוו 'וזאת ידוע אשר זכות הצדיקים עומד לעד', אויף האט זיך ר' אייזיק'ל אויסגעדריקט אמאל שמחת תורה בשעת די הקפות 'איך האב קיינמאל נישט געטראכט אז די אלע חסידים קומען צו מיר פאר מיין כבוד, נאר זיי זוכן די כח פון רבינו הקדוש (ר' הערשעלע זידיטשובו)'.

עס איז באקאנט אז ר' אלימלך פון ליזענסק האט געזאגט אז הלואי זאלן אלע אידן האבן אזא הייליגע נשמה אזוי אויסגעארבעט ווי זיין גוף, און אזא גוף וואס איז העכער אלע גופים דאס איז נישט מטמא.

ר' שלום שכנא מ'פראהביטש איז געווען די טאטע פון די הייליגע רוזינ'ער, ער האט געטוישט אביסל די דרך פון זיין טאטע ר' אברהם המלאך, און ער האט אנגעהויבן די דרך פון מלכות אין די רוזינ'ער הויף, און זיין טאטע האט נישט אזוי געהאלטן פון וואס ער טוט, האבן אים מענטשן פארגעהאלטן פארוואס ער טוט דאס, ער איז דאך עובר אויף די מצוה פון כיבוד אב ואם וויבאלד זיין טאטע האט אים באפוילן זיך נישט צו פירן אזוי, האט ער געענטפערט אז עס שטייט אין ספר החינוך ביי די איסור פון די כהן גדול זיך צו מטמא זיין צו זיינע קרובים, איז ער מסביר אז די כהן גדול פון רוב דביקות איז ער אינגאנצן ארויס פון די טבע בני איש און ארויף אסאך העכער פון דעם, און ער האט פארגעסן אלעס בעולם הזה, וועגן דעם האט ער זיך נישט געקענט מטמא זיין, ווייל ער איז שוין געווען אינגאנצן נפרד פון זיין משפחה, האט ר' שלום שכנא אויסגעפירט א ער איז שוין אויך ארויף אויף א העכער מדרגה אז ער איז שוין אויך אפגעשיידט פון זיין משפחה און ער האט שוין נישט די חיוב צו פאלגן זיין טאטע נישט צו גיין אין זיין נייע מהלך ווייל ער איז שוין אינגאנצן ארויס מגדר בשר ודם. (כמובן שחלילה ללמוד מזה לענין מעשה, ואין לנו בינת אנוש לעמוד בסוד קדושים כמלאכים, ופעם אחת בעת הסיפורי קודש מוצ"ש אמר מרן רבינו שליט"א, דר' שלום שכנא היה רוצה בזה להביא הגאולה וזה היה סודו בזה).

המשך מע' ה

און אזוי האט זיך געפירט דער מונקאטשער רב זצ"ל אז ער האט געציילט יעדן טאג פון די ספירה לכל הפחות 10 מאל, אין צומאל אפילו מער פון 10 מאל, ער פלעגט עס זאגן איינמאל ביי שחרית פאר אנא בכח, און איינמאל פאר למנצח בנגינות וגו', און אזוי האט ער עס געזאגט עטליכע מאל אינמיטן טאג, בשעת'ן עסן א סעודה, און ווען ער איז געגאנגען אין די גאס, און ער פלעגט אויך זאגן הרחמן הוא יחזיר לנו וכו' ב"ב אמן סלה (דרכי חיים ושלום אות תרכ"ו).

אויסער אינעם ערשטן טאג פון ספירה, וואס דאס איז אינעם צווייטן טאג יום טוב, האט ער מקפיד געווען נישט צו ציילן ספירה בייטאג, וועגן כבוד פונעם יום טוב שני (ספר שער יששכר).

### היוצא לנו

אז דער ענין פון איבער ציילן די יום הספירה אין די ימי הספירה, איז נישט קיין חיוב, ס'איז מילתא דחסידותא, וואס דער מקור איז פון ר' רבי מענדל'ע מ'רימנוב זי"ע, און אזוי האבן זיך געפירט אסאך צדיקים וחסידים.

אין ספר שיח זקנים (ח"ה עמוד פ"ח) שטייט: אז מען האט געזען ביי הרה"ק מ'סאטמאר זי"ע א ענין פלא, אז אפילו ביי זיין שיחות חולין האט ער דערמאנט דעם מספר פון די ספירה, למשל, ער האט זיך אמאל געבייזערט אין די ימי הספירה אויף א געוויסע ענין, האט ער געזאגט, 'איך האב שוין געזאגט 15 מאל אז מען זאל דאס און דאס טון', און עס איז געווען א וואונדער אויף זיין אויסדריק '15 מאל', ביז מען האט זיך געכאפט אז היינט איז 15 טאג אין די ספירה, ענדליך צו דעם איז געווען אינעם טאג פון כ"ג לספירה, האט ער געזאגט, 'איך האב שוין געזאגט 23 מאל', און אזוי האט מען געזען ביי זייער אסאך פעלער.

## המשך עניני בר מצוה

קודם טוט מען אן די בגד און מ'מאכט א שהחיינו, און דערנאך טוט מען אן די תפילין [1], (ס'דא וואס האלטן מ'זאל מאכן די שהחיינו נאכן לייגן די תפילין. ודעביד כמר עביד).

מ'האט אינזין די א) נייע בגדים; ב) נייע 'מצוה' פון תפילין; ג) די נייע 'תפילין' וואס ער לייגט די ערשטע מאל; ד) אלע מצוות וואס ער וועט טון א גאנץ לעבן.

תחנון

ביי די מנין ווי דער בר מצוה בחור דאווענט, איז די מנהג אז מ'זאגט תחנון [2]. די בר מצוה בחור און זיין טאטע קענען מקיל זיין [3].

## ברוך שפטרני

ביי די ערשטע קריאה אין די תורה נאך די בר מצוה, רופט מען אויס דעם בחור צו עולה זיין [4], און נאכן עולה זיין (נאכן ענדיגן די ברכת אשר נתן לנו תורת אמת פונעם בחור), זאגט דער טאטע ברוך שפטרני מענשו שלזה [5], און מ'ענטפערט נישט אמן [6].

רביה"ק מ'טאהש זי"ע האט זיך געפירט עפ"י הרה"ק מקאמארנא זי"ע צו זאגן מיט א שם ומלכות 'ברוך אתה ה' אלוקינו מלך העולם שפטרני מענשו שלזה' [7]. און מ'ענטפערט אמן.

אויב האט ער עולה אינדערוואכן 'שלישי', זאל מען לכתחילה ווארטן ביז נאך קדיש, צו זאגן די ברכה ברוך שפטרני [8].

1 כדי שיהא עובר לעשייתן.

2 שו"ת שרגא המאיר (ח"ו סי' קסד).

3 ראה דרכי חיים ושלום (אות קצב) שלא הי' אומר תחנון כשיש נער הנעשה בר מצוה בו ביום, ובחנוך לנער (פ"מ הערה ח) שנער הבר מצוה ואביו רשאים שלא לומר תחנון ביום שמחתם.

4 עי' מג"א (סק"ד), ושער אפרים, ואפילו בקריאה דשני וחמישי, ערוה"ש (ס"ד).

5 שו"ע (או"ח סי' רכה) 'וטוב לברך ברכה זו בלא שם ומלכות משום שלא הוזכרה בגמרא'.

6 שערי אפרים, וכן מנהג סקווירא.

7 וכן הוא בביאור הגר"א, כיון שמובא במדרש, ועי' בחיי אדם דהמברך לא הפסיד.

8 שקדיש עולה על הקריאה, ואין להפסיק לכתחילה.

# אהלי מלכים

פסקי הלכות וואס זענען נוגע ווען מ'האט קינדער אינדערהיים

מתוך הספר שיצא לאור

ע"י הרה"ג ר' **יחיאל מיכל ישעי' מאסקאוויטש** שליט"א חדב"ן מר"ץ

לכתחילה דארף דאס געזאגט ווען דער בר מצוה בחור איז דארט בשעת מעשה [9].

ס'דא צוויי הבנות אין די כוונה פון די ברכה, ס'דא וואס האלטן אז ביז יעצט אויב די קינד האט חוטא געווען האט דער טאטע באקומען א עונש פארן נישט מחנך זיין, און יעצט ווערט ער פטור דערפון [10]. ס'דא וואס האלטן פארקערט, ביז יעצט איז דער קינד געווארן נענש בעון פון זיין טאטן, און ווען די קינד ווערט נענש פארן טאטן ווערט דער טאטע נענש פאר דעם [11], וועגן דעם מאכט ער די ברכה אז ער ווערט פטור פון די עונש. ס'איז א שיינע ענין אז דער טאטע איז מכוון ווי ביידע פירושים [12].

אויב איז דא א צווילינג וואס האבן בר מצוה, זאל יעדער באזונדער עולה זיין, און נאכן עולה זיין זאל דער טאטע זאגן ביי יעדן באזונדער א ברכת ברוך שפטרני [13].

**אז דער טאטע וויל קען ער ווארטן ביז שבת,** אז די ברכה זאל זיין ברוב עם [14].

9 בשו"ת רבי טיאה וייל (סי' ט"ז) כתב שצריך לכתחילה להקפיד לברכה בנוכחות הבן, וע"ע בשו"ת בצל החכמה (ח"ה סי' קל"ב) שאם אינו נמצא ליד בנו, וגם עד שלושים יום לא יימצא הבן לצידו, יברך אפילו אין בנו לצידו. ואז יברך ג"כ מעונשו שלזה, כדי שלא לשנות מטבע שטבעו חכמים, וכיון דהקדים שבנו פלוני נעשה בן יג שנים די בזה.

ובשו"ת יד יצחק (ח"ג סי' שג) כתב שגם טוב שהבן ישמע הברכה, וכדי שיתעורר עי"ז לילך בדרך הישר, כי אחריות האב נסתלקה ממנו.

10 מג"א (סי' רכ"ה סק"ה), ובדברי חמודות (בפ"ט דברכות אות ל), וכן ביאר בספר הפרדס (לרש"י, עמ' פו, בדפוס שנת תרפד).

11 לבוש (הובא במ"א), ובילקוט רות (רמז ת"ר) 'עד י"ג שנה בן לוקה בשביל אביו', וכשהבן נענש על ידו שוב האב נענש ע"ז, וכמו שאמז"ל (שבת קמט) כל מי שחבירו נענש ע"י, אין מכניסין אותו במחיצתו של הקב"ה, ולכן האב מברך כי מעתה נפטר מעונש זה, מחצה"ש (שם).

12 שערי אפרים (שער ד אות כו). ועי' קדושת ציון (שמות עמ' פא) בשם הגה"ק משינאווע זי"ע עוד כוונה בזה.

13 שבט הלוי (ח"ח סי' כח אות ב).

לכתחילה זאל מען עס זאגן אין די דריי טעג, און עכ"פ אין די 30 טעג. אויב מ'האט עס נישט געטון קען מען מאכן שפעטער אויך [15], אבער מ'זאל עס נישט אפשטופן אן קיין סיבה [16].

לכתחילה זאל מען מאכן די ברכה פאר צען מענטשן [17].

פון די בר מצוה און ווייטער איז שוין נישט דא קיין חיוב חינוך, אבער ס'דא מצות הוכח תוכיח [18].

## ערשטע דריי חדשים

די ערשטע דריי חדשים איז א ענין אז דער בחור זאל לייגן מער געוויכט צו מקיים זיין מצוות ווי מ'דארף, און זיך מונע זיין פון ריבוי אכילה וכו' [19].

ס'איז כדאי אז דער טאטע זאל באטראכטן ווען עס קומט אויס א געלעגנהייט פאר די קומענדיגע וואכן, פון צייט צו צייט, צו זען אויב די קינד ווייסט וויאזוי מ'לייגט די תפילין כהוגן.

14 שו"ת תשובות והנהגות (ח"ב סי' קמב) דהא הוי ברכת הודאה, וכתיב וירוממוהו בקהל עם. וי"א שאולי הכי עדיפא טפי, ועי' לקט יושר (עמ' מא) שרבו המתין בברכה זו עד קריה"ת בשבת, ומציין לשלחן הטהור (סי' ריט ס"ב) בברכת הגומל שכתב מן הראוי ליסע לצדיק וגדול הדור על החסד שגמלו הקב"ה, והמברך שלא לפני רבנן אפשר שאינו יוצא כלל, ומן הראוי להמתין עד שיגיע אצל הצדיק וגדול, ואם לאו יברך בשבת שמסתמא נמצא תרי רבנן',

15 קצוה"ש (סימן י סי"ד).

16 דדמי לשו"ע (סי' ריט ס"ו), ועי' לקט היושר (עמ' מא) דאם איחר אין לה תשלומין, ומסתמא כוונתו איחר הרבה, דהא גם התרומת הדשן המתין עד קריה"ת דשבת.

17 שו"ת בצל החכמה (ח"ה סי' קלד), ולפ"ז יש לברך לכתחילה בקול שישמעו עשרה אנשים, כמו בברכת הגומל, בן איש חי (ש"א עקב ס"ב בברכת הגומל). ובשו"ע (סי' ריט בס"ג) בשם י"א משמע שאף במברך בלי שם ומלכות צריך עשרה.

18 מ"ב (סי' רכה סק"ז).

19 בספר החינוך (מצוה רמח) כשמדבר על ענין בן סורר כתב, והוזהר האדם על זה בתחילת תוקף חום בחרותו ובראשית בואו בחיוב שמירת נפשו, והם שלשה חדשים הראשונים משהתחיל להביא שתי שערות עד שיקיף כל הגיד, ומאותו הזמן יקח מוסר לכל ימיו, כי מהיות דבר המזון ענין תמידי באדם, אי אפשר לו זולתו, לא חייבתו התורה עליו בכל עת, רק שחרו מוסר בזמן אחד להועיל לו לכל הזמנים'.

אוֹר מֻפְלָא רוּם מַעְלָה
יִרְאָתְ מִלְהַבִּיט כִּי רַב לָהּ

# מיר שרייבן היסטאריע!!!!




טאהש

להושיבי
עם נדיבים

## שבת המייסדים

שבת קודש
פר' בהר בחוקותי
בראשות כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

אלבאני
ניו יארק

**שב"ק בה"ב / א גאלדענע טריט אין מוסדות טאהש ניו יארק אימפעריע**

**שב"ק בה"ב / א לעכטיגע עתיד פאר טאהשע חסידים אין ניו י**




יארק

בעזרת

וְהָיָה זַרְעֲךָ כַּעֲפַר הָאָרֶץ

# דראמאטישע
# פאקטן און ציפערן

פון די בליענדע אימפעריע

## מוסדות טאהש
## ניו יארק

## מיר העלפן אוועקשטעלן
## דעם רבי'נס הייליגע מוסדות




שבת המייסדים

לרושיבי עם נדיבים

שבת המייסדים

שב"ק בד




ה״ב / א גאלדענע טריט אין מוסדות טאהש ניו יארק אימפעריע

שב״ק בה״ב / א לעכטיגע עתיד פאר טאהש׳ע חסידים אין ניו יארק

# אבותינו ספרו לנו

זכרונות ועובדות מאנשי שלומינו בצל קדשו של רביה"ק זי"ע

## עס דערציילט
## הרה"ח רבי יעקב יאקאבאוויטש הי"ו
### מחשובי אנ"ש תושבי בארא פארק
### ח"א

### די פייערדיגע תפילות

איך האב ב"ה געהאט די זכי' צו זיין פון די ערשטע תלמידי הישיבה צום זמן הקיץ תשכ"ד לפ"ק, און איך האט געהאט די זכי' לחסות בצל הצדיק און זיך אנצושעפן פונעם באר מים חיים,ביים מיטהאלטן די תפילות ביים 'רבי'נס מנין'.

איך געדענק די עבודת התפילה, דאס דאווענען מיט אזעלכע שטארקע כוחות, יעדע ווארט האט געדויערט א שטיק צייט, מיט אזא מתיקות און א קאכעניש, א 'עזרת' האט געקענט דויערן א גוטע אכט-ניין מינוט. ווער עס האט דאס נישט געזען און מיטגעהאלטן קען מען שווער איבערגעבן וואס עס איז געווען. דער רבי איז געטאנצן און געשפרינגען ביים דאווענען מיט אזא דביקות, אז מיר זענען אלע געווארן מיטגעשלעפט מיט די עבודה.

דער רבי פלעגט אלץ זאגן פאר די בחורים צו שטיין אויף איין פלאץ ביים דאווענען און נישט ארומגיין. ער האט זיך אמאל אויסגעדרוקט אז דער וואס גייט ארום האט גענומען אויף זיך די קללה פון קין 'נע ונד תהיה בארץ' מרצונו הטוב...., ער פלעגט מדייק זיין דעם לשון וואס דער פסוק זאגט אויף אברהם אבינו 'אל המקום אשר עמד שם', אז ער איז געשטאנען אויף איין פלאץ. אזוי אויך האט ער כסדר פארלאנגט נישט ארויסקוקן פון סידור, נאר מען זאל ארייננקוקן פון אינעווייניג יעדעס ווארט.

אין די ערשטע זמנים איז געווען א שטיק צייט וואס דער רבי פלעגט עפענען די פענסטער'ס ביים דאווענען, דאס איז געווען אינמיטן ווינטער, און ווי מען ווייסט זענען די ווינטער'ס אין קרית טאהש ווייט פון ווארעמע... יעדער האט זיך געדארפט אנטוען סוועטער'ס און שאל'ן, מיר זענען ממש געפרוירן געווארן, אבער ער האט געשוויצט ביים דאווענען... שפעטער, ווען עס איז געקומען זוממער, האט ער אויסגעלאשן די עירקאנדישן, און אזוי געדאוונט מיט פארמאכטע פענסטערס, מיר האבן געשוויצט געפערליך, אבער ער האט געהאט יענע צייט זיין עבודה מיט דעם.

### בוחן לבבות

עס האט מיר דערציילט הרה"ג ר' מאיר פעקעטע ז"ל, אז דער רבי פלעגט כסדר ארומגיין קוקן ביינאכט וויאזוי די תלמידי הישיבה שלאפן. אויב האט ער געזען אז א קאפל איז אראפגעפאלן האט ער עס צוריק ארויפגעלייגט אויפ'ן קאפ, און אמאל האט ער אפילו אנגעגרייט נעגל וואסער אויב עס האט זיך געמאכט אז א בחור האט פארגעסן. ביים ארומגיין האט ער שטארק אריינגעקוקט אין יעדן בחור'ס פנים וויאזוי ער שלאפט.

איך געדענק אז דער רבי האט אמאל געזאגט ביי שלש סעודות 'ווען עטס וואלטס ווען ג ע ו ו א ו ס ט וואס איך ווייס אויף ענק, וואלט עטס ענק ג ע ש ע מ ט מיר צו קוקן אין פנים...' מען האט טאקע שווער געהערט ביי שלש סעודות, אבער איך האב מיר אייביג אנגעשטרענגט צו הערן יעדעס ווארט, און ב"ה איך האב אסאך אריינגעכאפט צו הערן דברי אלקים חיים פון דעם צדיק.

### סעודת מלוה מלכה

דער רבי האט ווי באקאנט נישט געפראוועט קיין מלוה מלכה ברבים, ער האט אמאל פארציילט אז דער זיידע רבינו הסב"ק זי"ע האט קיינמאל נישט געגעסן קיין מלוה מלכה מוצאי שבת, ווייל ער פלעגט זיך לייגן יעדע נאכט - אריינגערעכנט מוצאי שבת - גאר פרי, און ער איז יעדן טאג אויפגעשטאנען חצות צו אנהייבן די עבודה פון די קומענדיגע טאג, אזוי אז ער האט נישט געהאט קיין צייט, ווייל זיין 'מוצאי שבת' איז געווען גאר גאר קורץ. דער רבי האט זיך אויסגעדרוקט אז 'דער זיידע איז געווען א פונקטליכער, אזוי ווייט אז מען האט געקענט אנשטעלן א זייגער לויט ווען ער איז אריינגעקומען', פלעגט דער רבי צולייגן אז ער איז אים מקנא אז ער האט געקענט אנגיין מיט זיין עבודה אויף אזא אופן.

איין וואך, ווען איך בין שוין געווען א יונגערמאן און איך בין געקומען אויף שבת קיין טאהש, בין איך אריין מוצאי שבת זיך געזעגענען, זאגט מיר דער רבי נאכדעם 'קום מיט מיר'. איך האב געמיינט אז דער רבי וויל מיר עפעס זאגן, אבער ער האט מיר גארנישט געזאגט אויפן גאנצן וועג אהיים. אנקומענדיג אהיים, איז שוין געווען גאר שפעט ביינאכט, האט אים אפגעווארט די רביצין עליה השלום, און זי האט אים אנגעגרייט א ברייטע סעודת מלוה מלכה. דער רבי האט זיך געוואשן, ער האט קוים טועם געווען א כביצה, און די איבריגע האט ער מיר עס געגעבן און עס געהייסן אויפעסן, נאכדעם וואס איך האב עס אויפגעגעסן, האט דער רבי צוריקגערוקט דעם טעלער צו זיך, אזוי אז ווען די רביצין

אויב האט איר א מעשה צו פארציילן פון רבינו הקדוש זיעועכ"י
אדער איר ווייסט פון א מענטש וואס האט צו פארציילן
ביטע לאזט א מעסידש אויף קול איחוד טאהש
718-451-8674 און דרוקט 842

איז צוריק אריינגעקומען האט זי שטארק הנאה געהאט צו זען א ליידיגע טעלער...

## געגעבן מער ווי גאנץ מאנטריאל

איבער דעם רבינס מידת הצדקה קען מען רעדן און קיינמאל נישט ענדיגן, ער האט דאס געטוען מיט אן עקשנות דקדושה און אויסגעפירט זיינע ריזיגע צדקות.

עס האט מיר פארציילט א באקאנטער בנש"ק פון וויליאמסבורג, אז פאר'ן חתונה מאכן איינע פון זיינע קינדער איז ער געקומען נאך געלט קיין מאנטריאל, דארט האט אים איינער געשטופט אז ער זאל ארויספארן קיין טאהש צום הייליג'ן רבי'ן. ער האט קיינמאל פארדעם נישט געהאט קיין שייכות קיין טאהש, און ער האט געטראכט וואס וועט שוין דער טאהש'ער רבי מיר געבן, אבער ער איז פארט ארויסגעפארן נאכדעם וואס יענער האט אים שטארק געמוטשעט.

פארציילט ער מיר: 'דער רבי האט מיר אויפגענומען ווי איך וואלט ווען געווען דער בעל שם אליין, ער האט מיר שטארק מקרב געווען, און געגעבן א גאר גרויסע סכום וואס איז געווען מער ווי וואס איך האב געמאכט אין גאנץ מאנטריאל. ער האט מיר נאך איבערגעבעטן פארוואס ער געבט מיר נישט מער, און זיך פארענטפערט אז ער האט פשוט נישט מער'. אזוי ווייט איז געגאנגען דעם רבי'נס צדקה און מאור פנים, אפילו פאר איינעם וואס ער האט נישט געקענט פון פארדעם.

## די נסיעות קיין ניו יארק

ווען דער רבי פלעגט פארן קיין ניו יארק צו שאפן געלט פאר די ישיבה, פלעגט ער געווענליך פארן זונטאג און אהיימפארן דעם קומענדיגן דאנערשטאג. עס זענען געווען אזעלכע אידן וואס האבן געוואוסט עטליכע טעג פון ווען דער רבי איז אנגעקומען קיין ניו יארק, און ערשט נאכדעם געקומען באזוכן דעם רבי'ן. אזוי אז דער רבי זאל שוין האבן געשאפן עפעס געלט און נאכדעם זאלן זיי קענען באקומען זייער טייל...

עס האט מיר דערציילט הרה"ח ר' אלימלך קליין ע"ה משב"ק, אז ווען דער רבי איז צוריקגעקומען פון איין נסיעה, איז נאך למעשה עפעס איבערגעבליבן אין טאש. און ביים אריינפארן אין שטעטל האט די רבי צאמגענומען אלעס וואס איז נאך געבליבן און געשיקט ר' אלימלך צו א משפחה אין שטעטל אז ער זאל זיי עס איבערגעבן, און אזוי איז ער אנגעקומען אהיים אן גארנישט פאר זיך, נאר מיט אמונה און בטחון אינעם אויבערשטן אז ער וועט אים העלפן.

## משפיע זיין פאר די בחורים

איך געדענק אויך ווען עס איז געקומען הרה"ק רבי מיכל'ע פון נתני' זצ"ל, - דאס איז נאך געווען אין די יארן ווען קיינער האט אים נישט געקענט, און נישט משיג געווען פון וועמען מען רעדט דא - האט אים דער רבי געזאגט אז ער זאל זיך אריינזעצן אין ישיבה, און משפיע זיין מהודו אויף די בחורים, און ער וועט אים שוין שאפן וואס ער דארף נאר... אזוי איז טאקע געווען, רבי מיכל'ע איז געזיצן צוויי וואכן אין ישיבה, און דער רבי האט אים געגעבן א ריזיגן סכום וואס ער האט דאן געדארפט.

## איינער האט עפעס א גוט ווארט אויף אים?

עס איז געווען א איד פון אמעריקע, נישט קיין טאהש'ער חסיד, וואס האט געמוזט אנטלויפן פון אמעריקע ווייל ער האט זיך פארפלאנטערט דארט מיט'ן געזעץ, און עס האט געדראעט אויף אים תפיסה, איז ער אנטלאפן קיין טאראנטא. האט זיך געמאכט אז ער איז געקומען קיין מאנטריאל צו א שמחה, למעשה האט מען אים אפגעשטעלט אינמיטן וועג, און ווען די פאליציי האט געזען ווער ער איז האט מען אים ארעסטירט און אריבערגעשיקט קיין אמעריקע. די עסקנים זענען געגאנגען צו פארשידענע רבנים, און זיי האבן געזאגט אז מען זאל אים נישט ארויסנעמען אויף בעיל, היות עס איז באמת געווען זייער א קאמפליצירטע קעיס.

ווען הרה"ג רבי חיים ברוך לייפער שליט"א האט פארציילט די מעשה פאר'ן הייליג'ן רבי'ן, האט דער רבי פארופן א מיטינג אין מאנטריאל מיט אלע עשירים וואס ער האט געהאט שייכות מיט זיי, און ער האט געבעטן געלט מען זאל דעם איד קענען ארויסנעמען אויף בעיל. זיי האבן אים אלע געקענט, און יעדער האט אנגעהויבן זאגן אז ער איז א אונטערוועלטניק און א גנב, און זיי האלטן נישט ביים געבן קיין געלט אים ארויסצונעמען.

ווען דער רבי האט געהערט אלע טענות האט ער געפרעגט, 'קיינער האט נישט עפעס א גוט ווארט אויף אים?' ביז איינער האט זיך אנגערופן אז דער איד האט לעצטנס מנדב געווען א מקוה אין עפעס א פארווארפענע אמעריקאנע שטעטל. ווען דער רבי האט עס געהערט האט ער אנגעהויבן צו קאכן 'אזא זכי' פאר איד צו האבן א חלק אין קדושה וטהרה פון אידישע קינדער', און אזוי מאריך געווען בשבחו א לענגערע צייט, ביז די הערצער פון די אידן האבן זיך אנגעווארעמט און עס איז אריינגעקומען דעם סכום פון פינף און צוואנציג טויזענט דאלער, און דער איד האט געקענט ארויסגיין אויף בעיל.

## לעקטער פאר די חתונה

עס האט מיר פארציילט הרה"ח ר' שלמה יעקב זילבער ע"ה, אז ווען מען האט געהאלטן בעפאר איינע פון די חתונות אין שטעטל, האט די עלעקטעריק קאמפאני אפגעהאקט די לעקטער, אבער דא האט מען געהאלטן פאר א חתונה, געסט האבן געדארפט קומען, און מען האט געדארפט וויכטיג האבן די לעקטער.

דער רבי האט דאן אנגערופן א גרויסן גביר, און יענער האט טאקע אריבערגעשיקט א סכום פון צען טויזנט דאלער, וואס איז געווען בימים ההם א ריזיגע סכום, דאס האט מען געדארפט באצאלן פאר די לעקטער קאמפאני. ווען דער רבי האט באקומען דאס געלט, האט ער גערופן א שליח, און אים געזאגט אז ער זאל אריבערפארן צו הגה"ק בעל ברכת שמים מ'קאשוי זצ"ל, וואס האט דאן געהאלטן אינמיטן אוועקשטעלן זיין שטעטל, און געהייסן אז ער זאל אים עס איבערגעבן.

נאכדעם האט ער גערופן ר' שלמה יעקב, און אים געהייסן אריבערגיין צו די לעקטער קאמפאני און זיי מסביר זיין אז געסט גייען קומען, און עס פאסט נישט אז מען וועט זען וואס זיי טוען, מען וועט געבן

יעצט א דעפאזיט און די איבריגע וועט מען שיקן אין א שטיק צייט ארום. עס האט ב"ה געארבעט דעמאלטס, און די חתונה איז געפראוועט געווארן בשעה טובה מיט לעכטיגקייט.

וואס מען זעט אבער פון דעם איז, אז דער רבי, אפילו ווען ער האט וויכטיג געדארפט די געלט פאר זיך, האט ער עס אוועקגעגעבן פאר יענעם מיט מסירות נפש ממש.

## אינזין האבן ביים טיש

א יונגערמאן פון טאהש איז אמאל אריינגעקומען צום הייליג'ן רבי'ן און אים געזאגט אז ער וויל אוועקמופן, ווייל ער זעט אז אלע וואס קומען פון די פרעמד נעמט מען אויף שיין, זיי קענען אריינגיין, און אים לאזט מען נישט אריין, מען שטופט אים אהער און אהין... האט אים דער רבי' געענטפערט, 'איך האב פאר דיר אן עצה, דו זאלסט קומען צום טיש פרייטאג צונאכטס, און דו זאלסט אינזין האבן דיין בקשה, און דו וועסט געהאלפן ווערן'. דער איד האט טאקע אזוי געטוען, און ער איז געהאלפן געווארן מיט די ישועה וואס ער האט געדארפט.

איך האב עס דעמאלטס געהערט, און איינמאל ביים טיש, אינמיטן כל מקדש, האב איך געגעבן א טראכט איבער עפעס אן ענין וואס איך האב געוואלט מזכיר זיין, אז איך האב עס אינזין געהאט ביים טיש - אזוי ווי די עצה וואס דער רבי האט געגעבן פאר יענעם איד. צו מיין וואונדער, כאטש דער רבי האט געווענליך געזאגט די זמירות פון אינעווייניג, כדרכו בקודש צו זאגן יעדע דבר שבקדושה פון אינעווייניג, האט דער רבי יעצט, אינמיטן קאכן אין די זמירות, געגעבן א קוק אויף מיר. איך האב געשפירט אז דער רבי' האט דערהערט מיין בקשה.

ווען איך האב עס געזאגט פאר איינע פון מיינע שכנים, האט ער זיך אנגערופן אז עס קען זיין אז עס איז נאר א צופאל און עס מיינט גאר נישט. אבער ביי די תורה האט דער רבי' געגעבן דעם נועם אלימלך, און ארומגעמישט אהער און אהין, ביז ער האט אויפגעמישט צום נועם אלימלך אין פרשת פקודי (כאטש עס איז נישט געווען יענע וואכעדיגע פרשה) און ער האט פארגעלערנט א שטיקל וואס דער רבי ר' אלימלך שמועסט אויס אז א צדיק קען העלפן אפילו מיט זיין קוקן... אזוי האב איך געשפירט אז דער רבי' האט מיר טאקע אינזינען געהאט.

**המשך בשבוע הבא**






# במקהלות

נייעס, באריכטן און אנטוויקלונגען, אינערהאלב **קהילותינו ומוסדותינו הקדושים** צווישן מקהלת אנשי שלומינו ברחבי תבל

ישיבה קטנה תפארת משולם פייש - ניו יארק:

## הילולא קדישא פון הייליגן קאמארנער זי"ע געפראוועט בהיכל ישיבתינו הק' מיט התרוממות

דעם פארגאנגענעם דאנערשטאג פר' אח"ק י' אייר הבעל"ט, יומא דהילולא קדישא פון הייליגן רבי אייזיק'ל קאמארנא'ער זי"ע איז פארגעקומען א דערהויבענע "מסיבת לחיים" תיכף נאך תפלת שחרית.

עס האט אויפגעטרעטן הרב הגאון פה מפיק מרגליות ר' יואל גאנדעל שליט"א ר"מ בישיבתינו הק' במשנתו של בעל הילולא. במתק לשונו האט דער חשובער ר"מ מיט גאר שטארקע ווערטער ברייט ארומגערעדט די שטארקע שייכות וואס מיר האבן צו דעם צדיק נורא, און די גרויסע קדושה און זכי' וואס מיר האבן צו לערנען זיינע הייליגע ספרים.

*

פארנאכטס איז פארגעקומען א "סעודת הילולא" לכבוד ההילולא קדישא, וואו די בחורים געזינגען פאסיגע ניגונים.

עס האט אויפגעטרעטן דער חשובע משגיח ושו"מ הרב הגאון ר' מנחם מענדל סג"ל גאלדשטיין שליט"א מיט רייכע און שיינע ענינים פונעם בעל הילולא זי"ע.




דערנאך האט דער חשובער מנהל שליט"א גאר שטארק ארויסגעברענגט די געוואלדיגע לימוד התורה פונעם בעל הילולא, און וואס עס איז מחייב די חשובע בחורים. באזונדער האט דער מנהל מחזק געווען די בחורים צו גיין מחיל אל חיל מיטן חזר'ן כסדר מסכת שבת, כדי ס'זאל זיין כמונח בקופסא מיט א בהירות יתירה די גאנצע מסכת ביז סוף זמן.

און האט גלייכצייטיג מעורר געווען אז די בחורים זאלן אויסנוצן יעדע מינוט מט לימוד התורה, און כסדר מיטהאלטן די חבורת "ושננתם" און חבורת "משלימי המסכת" וקובץ על יד ירבה.

ויושר יליצו בעדינו חיות אש!

# בצל הקודש

מהנעשה והנשמע בביתו נאוה קודש
של כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

אמור - תשפ"ד לפ"ק

## דאנערשטאג פר' אחרי-קדושים

אינדערפרי האט זיך רבינו שליט"א משתתף געווען ביים שמחת הברית מילה פון בן מוה"ר יצחק נחום האמבורגער הי"ו משב"ק, בהיכל ביהמ"ד אברכים אין קריתינו הק'. דער רבי איז מכובד געווארן מיט סנדקאות, און דער רבי האט מכבד געווען גיסו כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א.

דער רבי האט געזאגט די ברכות וקריאת השם, און נאכן ברית געבענטשט די קינה, און ווארעם אנגעוואונטשן די עלטערן ברכות לרוב.

ביינאכט האט דער רבי משמיע געווען דברות קודש דורך א הוק אפ, ביים מסיבה לטובת קרן הבנין דבית מדרשינו אין קרית יואל, וועלכע איז פארגעקומען אין שטוב פון מוה"ר יצחק שמואל פויגעל הי"ו משמש נאמן דבית מדרשינו.

## עש"ק פר' אחרי-קדושים

נאכמיטאג האט דער רבי מנחם אבל געווען דורכן טעל. די קינדער פון הרב שלום דובער ליפסקער ז"ל שליח חב"ד סורפסייד פלארידא, וואו דער רבי האט מחזק געווען און ווארעם אנגעוואונטשן.

## שבת קודש פר' אחרי-קדושים

פארן זמן הדלה"נ איז דער רבי ערשינען אין ביהמ"ד הגדול, געצינדן די ליכט ביים עמוד, און די לעכט לע"נ רביה"ק זי"ע, די נרות שבת, און געזאגט שיר השירים אינאיינעם מיט תלמידי ישיבה גדולה.

צו תפילת מנחה איז צוגעגאנגען כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, דער רבי איז צוגעגאנגען צו קבלת שבת, נאכן דאווענען איז מען אריבער וואונטשן 'א גוט שבת'.

ביים שלחן הטהור זענען מכובד געווארן מיט הגבהת הכוס צו קידוש הרה"ח ר' אלתר אליעזר סג"ל לאווען



הי"ו. מיט די זמירות: אב"ד בודאפעסט שליט"א, אדמו"ר ספינקא ירושלים שליט"א, הרה"ג ר' מענדל ווייס שליט"א דומ"ץ טיב לבב קרית יואל, אב"ד מחזה אברהם שליט"א, מוה"ר משה דייטש הי"ו מנהל 'קרן עזר' פון וומסב"ג, הרב אלעזר ליפא וויינגארטן הי"ו פון וומסב"ג, הרב יואל ווייזער שליט"א פון קרית יואל נכד רביה"ק זי"ע, הרה"ח ר' הערשל מאנן הי"ו פון וומסב"ג.

דער רבי האט פארגעלערנט בספה"ק נועם אלימלך, און דערנאך ממשיך געווען בדברות קודש.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען אב"ד בודאפעסט שליט"א, שיר המעלות הב' צבי הירש פיש ני"ו תלמיד ישיבה גדולה. שבח נותנים הרה"ח ר' יעקב משה פעקעטע שליט"א פון לאנדאן.

נאכן בענטשן האט דער רבי געטאנצן מיט החתן שלום עקשטיין ני"ו פון וומסב"ג.

נאכן טיש האבן די בחורים אהיימבאגלייט און נאכגעזאגט דברי תורה אויפן וועג, אנקומענדיג פארנט פון ביתו נאוה קודש האט דער רבי געוואונטשן 'א גוט שבת' פאר כל הקהל הקודש.

◇

שבת אינדערפרי האט דער רבי פארגעזאגט ספר תהלים ביים עמוד כנהוג, פסוקי דזמרה האט געדאווענט מוה"ר אליעזר הערש שפיטצער הי"ו, צו שחרית איז צוגעגאנגען הרה"ג ר' יעקב קליין שליט"א מו"ץ.

די עליות האבן עולה געווען: כהן אדמו"ר מספינקא ירושלים שליט"א, לוי הרב משה צבי ארי' וואזנער שליט"א, דער רבי האט מכבד געווען גיסו כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א מיט קריאת השם, שלישי הרה"ח ר' אלי' שפיטצער הי"ו, רביעי אב"ד בודאפעסט שליט"א, חמישי הרה"ג ר' מענדל ווייס שליט"א, ששי הרה"ג ר' יעקב קליין שליט"א, שביעי החתן יוסף בנימין שטיינמעץ ני"ו, הוספה הרה"ח ר' יעקב משה פעקעטע הי"ו פון לאנדאן, אחרון אב"ד מחזה אברהם שליט"א.

פאר מפטיר האט דער רבי געמאכט די מי שברך לחולי ישראל, מפטיר האט עולה געווען הבחור הבר מצוה בן מוה"ר חיים משה לוי בינער הי"ו. הגבה מוה"ר משה דייטש הי"ו פון וומסב"ג, גלילה מו"ה אהרן הערש בינער הי"ו פון מאנסי.

מוסף האט געדאווענט פארן עמוד הרה"ח ר' אלי' שפיטצער הי"ו, פתיחה צו אנעים זמירות הרב אלי' הערשקאוויטש שליט"א פון וומסב"ג.

נאך מוסף האט זיך דער רבי משתתף געווען ביים שמחת הקידוש פון נכד גיסו כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, בת הנולד צו הרב משה צבי ארי' וואזנער שליט"א.

◇

נאכן דאווענען איז דער רבי אריינגעקומען צום שלחן הטהור בהיכל הכוללים אינאיינעם מיט תלמידי ישיבה גדולה ואורחים החשובים, מיט הגבהת הכוס צו קידוש איז מכובד געווארן מו"ה יואל טייטלבוים הי"ו ממנהלי 'קרן עזר' פון וומסב"ג.

אז ביום השביעי הרב משה בצלאל כ"ץ שליט"א



פון בארא פארק נכד רביה"ק זי"ע, ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הרב אלעזר ליפא וויינגארטן הי"ו פון וומסב"ג, שיר המעלות הב' אלי' ברוין ני"ו תלמיד ישיבה גדולה.

דערנאך האבן די בחורים אהיימבאגלייט דעם רבי'ן און נאכגעזאגט דברי תורה אויפן וועג. אנקומענדיג אהיים האט דער רבי' געוואונטשן א גוט שבת.

⋄

שבת נאכמיטאג האט הרה"ג ר' מענדל ווייס שליט"א דומ"ץ טיב לבב פארגעלערנט פרקי אבות בהיכל ביהמ"ד הגדול.

צו תפילת מנחה איז צוגעגאנגען מוה"ר זיידא ישראל יצחק מאירוביץ הי"ו, די עליות האבן עולה געווען כהן הרב משה בצלאל כ"ץ שליט"א נכד רביה"ק זי"ע, לוי הרה"ג ר' אשר מאנן שליט"א דומ"ץ בית יעקב נחמי' בוומסב"ג, שלישי הרב יעקב לאנג שליט"א פון ארץ ישראל. הגבה כ"ק אדמו"ר מספינקא שליט"א, גלילה הרב יעקב יושע וואזנער שליט"א.

קידוש ביי סעודה שלישית האט דער רבי' מכבד געווען הרה"ח ר' אלי' שפיטצער הי"ו. מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: הרב משה צבי ארי' וואזנער שליט"א נכד רביה"ק זי"ע, הרה"ח ר' הערש אלימלך האס הי"ו, הרב יעקב יושע וואזנער הי"ו, מו"ה אהרן הערש בינער הי"ו פון מאנסי.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי' מכבד געווען אב"ד מחזה אברהם שליט"א, שיר המעלות הב' אלעזר ליפא סג"ל שווארץ ני"ו תלמיד ישיבה גדולה. דער רבי' איז צוגעגאנגען צו תפילת מעריב.

נאך מעריב האט דער רבי' געמאכט הבדלה, הגבהת הכוס איז מכובד געווארן בן הרה"ח ר' הערש אלימלך האס הי"ו, די הבדלה האט געהאלטן החתן שלום עקשטיין ני"ו פון וומסב"ג.

ביי די שיחות קודש האט דער רבי' מכבד געווען אב"ד בודאפעסט שליט"א, אדמו"ר מספינקא ירושלים שליט"א צו פארציילן.

דערנאך האט דער רבי' אויפגענומען קבלת קהל לברך ולהתברך בחדר הפרטי' בבנין הישיבה.

## זונטאג פר' אמור

אינדערפרי איז פארגעקומען די תפלין לייגן פאר הבחור הבר מצוה בן מוה"ר חיים משה לוי בינער הי"ו, דער רבי' האט געגעבן ווארימע דברי הדרכה, און נאכן תפלין לייגן אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן בר מצוה בחור און די עלטערן, און געגעבן במתנה די ספרי הקודש עבודת עבודה.

נאכמיטאג האט באזיכט בביתו נאוה קודש פון רבינו שליט"א, כ"ק אדמו"ר מסקולען שליט"א, וואו עס איז פארפירט געווארן א שיינע שמועס, דער רבי' האט מכבד געווען מיט לחיים און אנגעוואונטשן ברכת קדשו, און ארויסבאגלייט ביז אינדערויסן.

שפעטער איז פארגעקומען די תנאים פון החתן בן מוה"ר יואל שטיינמעץ הי"ו מיט הכלה בת גיסו הרה"ג ר' יעקב קליין שליט"א מו"ץ בקריתינו הק', בביתו נאוה קודש פון רבינו שליט"א. דער רבי' האט געליינט תנאים, דערנאך געטרינקן און געוואונטשן לחיים, געטיילט שיריים פון די לקח, און אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן חתן און מחותנים ובני משפחה.



בעזרת השי"ת

אַשְׁרֵי יוֹלַדְתֶּךָ
אַשְׁרֵי הָעָם הֵם לוֹמְדֶךָ

## מיינע קינדער זענען טאהש'ע **חסידים**
## און וועלן זיין טאהש'ע **תלמידים!**

אונזערע קינדער ווערן אויפגעצויגן מיטן הייליגן

# טאהש'ע פלאם

וואס מיר האבן געלערנט פון רבותינו הקדושים זי"ע.

שבת המייסדים

שב"ק בה"ב / א גאלדענע טריט אין מוסדות טאהש ני יארק אימפעריע

שב"ק בה"ב / א לעכטיגע עתיד פאר טאהש'ע חסידים אין ני יארק

בעזרת השי"ת

הַכָּרַת פְּנֵיהֶם עָנְתָה בָּהֶם

# א נחת צו קוקן



**די פנימ'ער פון די הייליגע תלמידי המוסדות שיינען פון אידלקייט**

זיי ווערן נתחנך אויף די הייליגע וועגן פון מרן רבינו הק' זי"ע - די מלמדים, מחנכות און רמ"י הישיבה געבן זיך אפ מיט גרויס געטריישאפט - זיי זענען אפגעזונדערט פון די גאס - זיי שטייגן טאג נאך טאג

שבת המייסדים

שב"ק בה"ב / א גאלדענע טריט אין מוסדות טאהש ני יארק אימפעריע

שב"ק בה"ב / א לעכטיגע עתיד פאר טאהש'ע חסידים אין ני יארק



בס"ד
נאך גרויס מיה פון די געטרייע עסקנים איז
בס"ד ערמעגליכט געווארן צו באקומען די
מאַיעסטעטישע
זאלן פון די
ארמון
פלאזא
שרייבט אייך
יעצט איין
און קויפט א שתפות
מיט די לומדי תורה
כִּי מְקוֹם לַתּוֹרָה
התורה כוללת
מעמד התורה כוללת
וסיום סדר מועד
וועלכע
וועלן ווערן
אויסגעריכטעט
אלס דעם
פאסיגע
מקום תורה
פארן גרויסן
ביום הזה באו:
ר"ח סיון - ד' במדבר - תפארת שבמלכות




די צייט לויפט - כי בא מועד
בס"ד
הודערטער
תושבי קריתינו
הק', וועלן תחת
קורת גג אחד
לערנען און מסיים זיין
גאנץ
סדר
מועד
שבת
עירובין
פסחים
ראש השנה
יומא
סוכה
ביצה
תענית
מגילה
מועד קטן
חגיגה
די דפים וועט מען
קענען אויסוועלן לויט
א ספעציעלע סדר ביים
רעגיסטראציע
מועדי"ם
לשמחה
די מעמד וועט ווער
נאכגעפאלגט מיט א
רייכע עלעגאנטע
סיום וסעודת ר"ח
בראשות כ"ק רבינו שליט"א
ווי עס וועלן אויפטרעטן וועלט בארימטע
בעלי דרשנים לכבוד התורה ולומדיה
ביים היסטארישן מעמד
אדי"ד התורה כוללת
צו **שטיצן** און **שליסן שתפות**
מיט די לומדי הכולל
התורה כוללת
שרייבט אייך איין בעוד מועד, זייט פון די אנשי שם קרואי מועד
ביום הזה באו:
ר"ח סיון - ד' במדבר - תפארת שבמלכות


ב"ה
די עסקנים וועלן זיצן די וואך
אין ביהמ"ד אברכים ביים
רעגיסטראציע טישל
ווי תושבי קריתינו הק' וועלן זיך
זמני תורה
ממשמשין
ובאין
כתבי"ת יהבי"ת:
רעגיסטרירן צום ערשטמאליגן היסטארישן מעמד התורה כוללת
כא"ש אחד:
צוזאמשטעלן חברותות
עלי' דמז"י:
אויסקלויבן בלעטער גמרא - סדר מועד
נעשה ונשמע:
שטיצן און מחזק זיין די עמוד התורה אין קריתינו הק'
התורה כוללת
ביום הזה באו:
ר"ח סיון - ד' במדבר - תפארת שבמלכות


ב"ה
פארזיכערט יעצט אייער חלק ביים
היסטארישן מעמד
דעם שבועות וועט מען זינגען
אוי...
והאר עינינו
נאכן הארעווען שעות רצופות
און מסיים זיין באחדות גאנץ סדר מועד
א תענוג גשמי' ורוחני'
וואס קיינער וויל נישט פארפאסן
מי"ט געגועי"ם און בענקשאפט צו די תורה הק'
התורה כוללת
ביום הזה באו:
ר"ח סיון | ד' במדבר | ארמון פלאזא




## קול איחוד טאהש

קולו בקודש מרביה"ק זי"ע • דברות ושיחות קודש מרבינו שליט"א

דרשות • שיעורים • חבורות • מעמדים • מאורעות • מודעות • שמחות • אינטערוויו'ס • ועוד

079.704.0074 | 0.333.015.0715 | 514.500.8674 | 718.451.8674

קלארע און הערליכע שיעורים
**במסכת בבא בתרא** (ה' עמודים)
**ובמסכת מכות** (ז' עמודים)
**בחבורת "מזון הנפש"**
41 פון די מעין מעביר

קלארע און הערליכע שיעורים
**בספר תהלים**
**בחבורת "לומדי תהלה"**
42 פון די מעין מעניר


יו"ל ע"י
**איחוד תלמידי וחסידי טאהש**

להערות והארות וכן לנדב גליון לשבוע נא לקרוא להמערכת

איחוד תלמידי וחסידי טאהש

P. 718.451.8674
EXT. 8
F. 877 760-0544
11 Van Buren Dr. #305
Monroe N.Y. 10950


**די לעצטע געלעגנהייט אריינצושיקן מודעות און מזל טוב'ס פארן גליון, איז:**
**מיטוואך 12:00 מיטאג**

מזון הנפש

## סדר הלימודים

במסגרת החבורות שע"י קהילתינו הק'

## = פרשת בה"ב =

| | ז' עמודים - מסכת עבודה זרה | | ה' עמודים - מסכת בבא בתרא | |
|---|---|---|---|---|
| | לימוד היום | חזרת השבוע | לימוד היום | חזרת השבוע |
| שב"ק אמור | ב: | מז. | חזרה | חזרה |
| זונטאג | ג. | מז: | סח: | סה. |
| מאנטאג | ג: | מח. | סט. | סה: |
| דינסטאג | ד. | מח: | סט: | סו. |
| מיטוואך | ד: | מט. | ע. | סו: |
| דאנערשטאג | ה. | מט: | ע: | סז. |
| עש"ק | ה: | ב. | חזרה | חזרה |

**בחינה הבאה ביום א' פרשת בהעלותך**

מס' שבועות-עבו"ז: מ:-ט: | מס' בבא בתרא: ס:-ע: